„Radomer-Kielcer Leben" 44 (334) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

הײנט 10 זײטען.

Radom, Piątek 14 Listopada 1930 r.

ראדאם, פרײטאג כ״ב מרחשון תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

# ראדאמער-קעלצער לעבען

17 17

# ראדאמער יודען!

## גערענקט!

נאר דער בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאלק אין פוילען

האט ארויסגעשטעלט אויף זיין ליסטע אין אונזער וואהל-קרייז ארטיגע ראדאמער עסקנים

אויף דער ליסטע № 17 צום סיים פיגורירט **אברהם סאלבע** מיטגליעד פון ציוניסטישען פארטיי-ראט, פארזיצער דער ג. אדוואקאט, מאגיסטער פון יוגענד-רעסארט ביים צ. ק. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען, מיטגליד פון צ. ק. פון דער וועלט-פעראייניגונג פון די ראדיקאלע ציוניסטען, גרינדער און פרעזעס פון דער ביבליאטעק „פ ר ץ" אין ראדאם.

איף דעם ליסטע № 17 צום סענאט אין קעלצער וואיעוואדזטווא פיגורירט דער בעקאנטער ראדאמער עסקן **יחיאל פרענקעל** ראטמאן, פרעזעס פון ראדאמער קהלה-ראט, שטעלפערטרעטענדער מיטגליעד פון דער יודישער אגענץ.

**ראדאמער יודען!** געדענקט, נאר די ליסטע 17 איז בכח אדורכצופיהרען א מאנדאט אין ראדאמער וואהל-קרייז, ברעכט נישט דעם מאנדאט.

**17 שטימט אלע איינהייטליך פאר דער ליסטע 17**

## 17 בעדענק זיך 17

אין קליב אויס: ווירדע אדער מה-יפית?

### יודישער וועהלער!

געדענק

וועגען דער טויזענדיעהריגער יודישער טראדיציע
פון עקשנות'דיגען און מסירות-נפש'דיגען קאמפף
פאר גערעכטיגקייט, פאר דער אויפלעבונג און
פולע פאליטישע, ווירטשאפטליכע און
קולטורעלע גלייכבערעכטיגונג פון די מאסען
פון דיין פאלק אין גלות און אין א"י.

## גיב אן דיין שטים

17 פאר דער איינציגער ליסטע
פון דער יודישער ווירדע,
אויף דער ליסטע פון
אונזער בלאק 17

## ראדאמער האנדווערקער!

**17 שטימט פאר דער ליסטע 17**

אויף דער דאזיגער ליסטע פיגורירט אויפ'ן ערשטען ארט צום סענאט אין ווילנער און נאוואגרודקער וואיעוואדזטווע דער בעקאנטער האנדווערקער-טוער ה. ק ר ו ק פון ווילנא ח. פארזיצער פון צ. ק. פון האנדווערקער-פערבאנד אין פוילען.

דער נאוואגרודקער סענאט-מאנדאט איז דער זיכערסטער פון די יודישע מאנדאטען.

**געדענקט!** נאר די ליסטע 17 האט אייך גאראנטירט א זיכערע פארשטעהערשאפט אין פארלאמענט.

**געדענקט!** אז קיין שום אנדערע ליסטע וועט אייערען א פארשטעהער נישט אריינפיהרען נישט אין סיים נישט אין סענאט.

נאר די ליסטע 17 האט אייך געגעבען אייערען א ווירדיגען און עהרליכען פארשטעהער צו וועלכען איהר וועט זיך קאנען ווענדען אין אלע אייערע נויטען.

17 17

געשעצטער אגודה-צייטונג ווערען זעהר אפט דערמאהנט די נעמען פון די קאנדידאטען אויף דער אגודה'שער ליסטע, אבער צוליעב בעשיידענקייט ווערט אדער צו די טרוקענע נעמען גארניסט צוגעגעבען, אדער עס ווערט קוים דערמאנט א מקצת שבחם. דאס איז אבער וועניג. נישט שטענדיג מעג מען זיין בעשיידען, איבערהויפט נאר מען דאס נישט זיין בעת וואהלען. לטובת הענין וואלטען מיר, אלזא, געדארפט דערצעהלען באריכות די תולדות וועגען יעדען איינעם פון זיי, איטליכעס טעטיגקייט אויפ'ן געזעלשאפטליכען געביט. וויפיל יעדער פון זיי האט שוין ביז היינט אויפגעטוהן פאר יודען און וואס ער גרייט זיך אי"ה ווייטער צו טוהן, זאלען יודען, אדרבה זעהען, פאר וועמען זיי געהען שטימען און זאלען זיי זיין זיכער, אז זיי וועלען חלילה קיין חרטה נישט האבען.

אט פיגורירט למשל, אויפ'ן ערשטען ארט אין דער ליסטע דער זעהר געאכטעטער הרב לעווין, וועלכער דארף גפוועהלט ווערען אלס יודישער דעפוטאט פון דער קרוין-שטאדט ווארשא און טאקי אויך פון דער ארבייטס-רעזידענץ לאדז. הרב לעווין איז א גאנץ וואוילער יוד, א למדן, א מחבר פון א דרוש-ספר „הדרוש והעיון", וואס מיר ציטירען טאקי אפט אין „אונזער אלטען אוצר". אבער פאר'ן וועהלער איז דאס נישט גענוגענד. לטובת הענין וואלטען מיר געדארפט געבען אויפקלערען דעם יודען פון גאס, דעם סוחר, דעם האנדווערקער און דעם קליינהענדלער, פארוואס אלס דעם ערשטען, געוויכערטען דעפוטאט מוז ער אונבעדינגט האבען א רב, פארוואס די אינטערעסען פונ'ם סוחר און פונ'ם האנדווערקער און פונ'ם קליינהענדלער קענען אמבעסטען פערטיידיגט ווערען נאר דורך א מחבר פון א גוטען דרוש ספר, אז מען וועט איהם דאס אויפקלערען, וועט אזא יוד, זענען מיר זיכער, גאר מיט א אנדערען אפעטיט לויפען צו דער וואהל-אורנע.

אט אזוי טאקי האבען מיר בדעה געהאט צו טוהן און נישט וועניגער שולד איז עס, וואס אנשטאט דעם אלעם מוזען מיר נאר יוצא זיין מיט טרוקענע נאטיצען און מיט שלעפעריגע, לעבליכע, נישט דערזאגטע ארטיקלען.

די „אגודה" ווייסט, אז מיר וואלטען מיט'ן גאנצען הארצען געוואלט איהר בייהילפיג זיין, נאר עס איז נישט אונזער שולד.

פרעגט איהר — זי ווייסט, זי ווייסט עס געטרי...

אפשר אמאל, ביי א געלעגענהייט, וועלען מיר זיך קענען מתנצל זיין פאר'ן לעזער און איהם דערצעהלען פאדראבנע, פארוואס מיר זענען פלוצים אזוי פויל געווארען. פארלויפיג אבער מוזען מיר זיך אבער האלטען א ביסעל אן א זייט און לאזען פריי דעם פלאץ פאר די גרויסע שרייבער פון דער „אגודה". זיי ב"ה זענען מענשען מיט מוטה. זיי האבען ב"ה טאלאנט אין די הענד און קענען זיך פערגינען צו שרייבען, וואס זיי ווילען —מיר, לײדער, קענען זיך דאס מאל נישט גלייכען צו זיי און דער הינזיכט. מיר האבען נישט אזוי פיל טאלאנט.

מיר, מיט אונזערע קנאפע פעהיגקייטען, מוזען דעריבער יוצא זיין מיט אנ'ארים מאלצייט, מיט שהי-פהי, מיט לעבליכע מאמרים, מיט'ן שרייבען על דרך פרדס, מיט „ודו"ק", „והבן" „וק"ל", „והמשכיל יבין", מיט ראשי תיבות און נוטריקון, מיט'ן לשון פון יע"ל און יקוה"ז, אויפ'ן אלטען אמאליגען שטייגער, ווען מען האט אפילו די מכות נישט ארויסגעשריבען בפירוש און יוצא געווען מיט סימנים מיט דצ"ך עד"ש באח"ב.

איבריגענס, פאר'ן יודישען לעזער און פאר'ן יודישען וועהלער זענען סימנים אויך גענוג. ודי לחכימא ברמיזא.

## א זיכערער יודישער האנדווערקער-סענאטאר.

אין נאוואגרודקער וואהל-קרייז זענען בעשטעטיגט געווארען צום סענאט בלויז 2 ליסטעס: № 1 און № 17. אויף דער ליסטע № 17 אין נאוואגרודקער וואהל-קרייז קאנדידירען אויף די ערשטע ערטער: צום סיים ה' אדאלף טרוסקער, פרעזעס פון צענטראלען סוחרים-פעראיין אין פוילען און צום סענאט — ה' קרוק פון ווילנא, וו. פארזיצער פון צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד אין פוילען.

דיביידע מאנדאטען זענען יעצט פון די זיכערסטע יודישע מאנדאטען.


# אויפרוף!

## יודען פון ראדאמער וואהל-קרייז

עס דערנעהנטערט זיך דער טאג, וואס איהר יודישע וועהלער וועט זיך ברויכען דעצידירען און אפגעבען אייער שטימע פאר דעם וואס איהר ווילט ער זאל זיין אייער פארשטעהער!

### ראדאמער יודען!

אויף דער יודישער גאס קאנקורירען צווישען זיך צוויי יודישע ליסטעס און עס איז דעריבער א חוב אויף יעדען יוד, יודישע פרוי, זיך גוט צו אריענטירען אין די ליסטעס און ענדליך בעשליסען פאר וועמען ער וועט זיין שטים געבען.

### ראדאמער יודען!

געדענקט, אז אויף די ליסטע נומער 17 פיגורירען אונזערע נאציאנאלע פיהרער, אונזערע קעמפער פאר א יודיש ארץ ישראל. אונזערע קעמפער פאר ברויט און ארבייט פאר די יודישע ארימע מאסען, אונזערע קעמפער פאר יודישע בעאמטע, אונזערע קעמפער פאר פערקלענערען די שטייערן, אונזערע קעמפער פאר אבשאפען דעם זונטאג-רוה, אונזערע קעמפער פאר א בעסערען יודישען מארגען.

### ראדאמער יודישער האנדווערקער!

געדענק ווער דיין געפעהרליכסטער שונא איז, געדענק ווער עס רופט דיך „גראבער יונג". געדענק ווער עס פערראט דיך אויף טריט און שריט, אויב נישט די „אגודה" לייט. און אלע ווי איינער שטימען אויף די ליסטע וואו עס קאנדידירען דיינע ליבע פארשטעהער אויף נר. 17.

### ראדאמער סוחרים!

געדענקט גוט, ווער עס קעמפט פאר פערקלענערען די שטייערען, פאר אבשאפען דעם זונטאג-רוה, נאר אונזערע ליבע נאציאנאלע פיהרער פיהרען א קאמף פאר אייער עקזיסטענץ. אלע ווי איינער שטימט פאר די ליסטע 17!

### יודישע פרוי!

געדענק גוט ווער עס איז געגען דיינע רעכט, ווער עס וויל דיך נישט אנערקענען. אויב נישט די שווארצע קליקע פון 18 אין אלע ווי איינער שטימען פאר די ליסטע נר. 17

### ראדאמער יודען!

שטאלץ, מוטיג, זאלט איהר זונטאג ד. 16 נאוועמבער געהן צו די וואהלען און אליין וועהלען און בעוועגען אנדערע צו וועהלען נאר אויף די איינציגע יודישע נאציאנאלע ליסטע נר. 17

זאל לעבען דאס יודישע ארץ-ישראל!

זאלען לעבען די יוד. נאציאנאלע פירער!

זאל לעבען דאס יודישע פאלק! זאל לעבען די ליסטע נר. 17!

## בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאלק אין פוילען

קרייז-וואהל קאמיטעט אין ראדאם

Mania Breslauer Radom    Izaak Zelichowski Dęblin

## Zaręczeni

w Listopadzie 1930 r.

---

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej

p. Mani Breslaurówny z p. Izaakiem Zelichowskim

życzymy szczęśliwej przyszłości

*Sznajderowie.*

zamiast kwiaty ofiarują zł. 5 na dom sierot w Radomiu.

---

מזל טוב לבבי למר אברהם ברסלר יו״ר מועצת הבנק הציוני ברדום
לרגלי ארוסי בתו
מרים את ב״ל זעליכובסקי מדמבלין
מאחלים מועצת הבנק הצ״ני ושלטונו.

---

Z okazji zaręczyn

p. Mani Breslaurówny z p. Izakiem Zelichowskim

najserdeczniejsze życzenia zasyłają

*Mandlowie.*

---

אונזערע פריינד און חברים אברהם ברעסלער און פרוי
צו די תנאים פון זייער ליבע טאָכטער מאַניע
מיט ה׳ יצחק זעליחאָװסקי פון דעמבלין
װינשען מיר א הערצליכען מזל טוב
ביילטשע און מרדכי לייב פישמאַן ראדאָם

---

לחברנו מו״ה ר׳ אברהם ברסלר ורעיתו אנו מאחלים מזל-טוב
לבבי ורוב נחת מבתו מרת מרים
שנתארסה להבח״ר החתן מו״ה יצחק זליחובסקי מדמבלין
בשם המתפללים בבה״ת הציוני ברדום
הגבאי מ. בנקיר.

---

למר משה יעקב פרידמן חבר מועצת הבנק הציוני דכאן
לרגלי נשואי בתו העלמה ליבא פרידמן
את מר ישעי׳ מלכיאָר
מזל טוב ורוב נחת מאחלים.
מועצת הבנק הציוני ושלטונו ברדום.

---

צו דער חתונה פון אונזער פריינד
ישעי׳ מעלכיאָר מיט פר״ל ליבע פרידמאַן
װינשען מיר זיי א גליקליך צוזאמענלעבען און די עלטערן גרויס נחת.
ראדאָם.    ביילטשע און מרדכי לייב פישמאַן.

---

לחברנו מו״ה ר׳ משה יעקב פרידמאן ורעיתו
אנו מאחלים מזל-טוב לבבי ורוב נחת מבתו מרת ליבא
ובעלה מו״ה ישעי׳ נ״י מלכיאר
שנשאו למזל-טוב ובש״מוצ ביום ד׳ פ׳ חיי׳ שרה.
בשם המתפללים בב״הת הציוני ברדום
הגבאי מ. בנקיר.

---

מזל טוב און הארציגע ברכות
צו דער חתונה פון אונזער פריינד
ישעי׳ מעלכיאָר מיט פרל׳ ליבע פרידמאַן
װינשען:    מלכה, שמואל אלי׳ מרגליות.

---

גדא טבא לחברנו אלימלך פישמן
לרגלי נשואיו את העלמה חיה מלץ
תהי׳ דרכם בחיים צלחה.
מרדכי לייב פישמאן ורעיתו.

---

לרגלי נשואי חברנו הדירקטור אלימלך פישמן
את ב״ל העלמה חיה מלץ
חיי אשר ועתיד מזהיר מאחלים.

**מועצת הבנק הציוני ושלטונו**

Rada i Zarząd Kasy Spółdzielczo-Kredytowej
w Radomiu, Żeromskiego L. 25.

---

מזל-טוב ואחולי-לבב לחברנו הדירקטור
אלימלך פישמן
לנשואיו את העלמה חיה מלץ.

**PERSONEL**
**Kasy Spółdzielczo-Kredytowej**
— w Radomiu. —

---

לחברנו אלימלך פישמן
לרגלי נשואיו את העלמה חיה מלץ
אחולי ידידים נאמנים בזה מובעים.

דינה ומאיר גרנק.

---

אנו משתתפים בצערו ובאבלו הכבד של חברנו הנכבד יושב-ראש ועדתנו
מר יהודה סויפמן
למות עליו בנו העלם הנחמד
## ראובן ז״ל
שנקטף בדמי ימיו בן כ״ב שנים.
בעבודתו המסורה לשוב גאולת אדמתנו׳ ובנין הארץ
יאמצהו ה׳ וישלח לו תנחומים.

ועדת והנשיאות
של „הקרן הקימת לישראל" ברדום.

---

## חוג הנשים

שע״י ועדת „הקרן הקימת לישראל" ברדום
מביע את השתתפותו בצערו של יושב-ראש ועדת „הקרן הקימת"
מר יהודה קויפמן
במות בנו
## ראובן
בעבודתו לטובת גאולת הארץ ינוחם.

---

# בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט װערט בעקאַנט געמאַכט אַלע סוחרים פון ראדאָם און פראָװינץ,
אַז צום יעצטיגען סעזאָהן האָב איך צוגעגרייט אַ גרויסען אויסװאַהל

# שאַמאַט-איװוענס
## (פערצינקטע)

### צו זעהר בילליגע פרייזען

װעלכע זענען שעהן און עסטעטיש אויסגעפערטיגט, זיי זענען שפּאַרזאַם
און פּראַקטיש דערמיט, װאָס ביי אַ קליינע דאָזע ברען-מאַטעריאַל גיבען
זיי װאַרימקייט אויף אַ לענגערע צייט.

צו בעקומען אין דער פאַבריק פון **בנימין האכמאַן** ראדאָם לובלינער 9.

---

*Kino-Teatr Nowe-Czary*

Dziś i dni następnych!

## Gdzie wschód jest wschodem

w roli głównej: **Lon Chaney**

# יודישע וועהלער!

## איז דער יעצטיגער ערנסטער שעה בעדארפט איהר זיך אבגע־בען א דין וחשבון, אז אייער טהאט זאל זיין א געלונגענער.

איהר האט שוין יעצט די פעסטע איבערציייגונג, אז צו אונזער אלעמענס בעדויערען ווען אין אונזער וואהל־קרייז קיין יודישער מאנדאט נישט ארורכגעפיהרט ווערען.

צי זאלט איהר אייער שטים־צעטעל געבען אויף אוננוצליכע, מכלומר'שטע פארטיי־„פלעביסציטען", וואס וועלן אייך זיכער ניט נאר קיין שום נוצען נישט ברענגען, נאר וועלען אייך מאכען לעכערליך, אדער מיט אייער שטים־צעטעל קאנט איהר פערפעסטיגען אייערע לעבענס־פאזיציעס, און איהר זאלט נאכהער מיט שטאלץ און ווירדע קאנען פאדערען ביי די מאסגעבענדע רעגירונגס־ספערען, אז אייערע בלוטיגסטע אינטערעסען און אייער עגזיסטענץ זאל נישט זיין קיין וועקעלדיגער.

## ראדאמער אידען!

אייערע שטימען טארען נישט געהן לאיבוד און אויסגענוצט ווערען צו פערשידענע דעמאנסטראציעס און פארטיי־אמביציעס.

**אונזערע שטימען** דארפען געהן אויף די ליסטע, וואס שטארקט די היינטיגע רעגירונג, וועמענס אויפגאבע עס איז אויפצושטעלען דאס לאנד אויף געזונדטע יסודות פאר'ן וואהלשטאנד פון אלע בירגער אהן אונטערשיעד פון רעליגיע און נאציאנאליטעט.

## דאס איז די ליסטע פון אונפארטייאישען בלאק נומער 1

**פון גאנצען לאנד** טראגט זיך א מעכטיגער און סטיכישער שרא פון טרייער איבערגעגעבענקייט און אנערקענונג פאר דער ליסטע נומער 1 אין וועמענס שפיץ ס'שטעהט די גיגאנטישע פערזענליכקייט פון יוזעף פילסודסקי, וועמענס נאמען עס וועט פערשריבען ווערען מיט גאלדענע אותיות אין דער היסטאריע פון פוילען אויף דור דורות.

**מיר יודען** פון ראדאמער, קאנסקער און אפאטשנער וואהל־קרייז מוזען נעמען אן אקטיווען אנטייל אין דעם זיעגרייכען ערפאלג פון דער ליסטע נומ. 1

**דעריבער אלע ווי איינער** דארפען מיר יודישע וועהלער אין טאג פון די וואהלען **שטימען פאר דער ליסטע**, וואו עס פיגורירען מענשען ליבעראלע, אונפארטייאישע און וועלכע זענען נאר אויסען דאס אלגעמיינע גוטס פון אלע שיכטען און קלאסען פון דער גאנצער בעפעלקערונג אין לאנד.

## דער פעראייניגטער יודישער וואהל־קאמיטעט

פאר ראדאמער, קאנסקער און אפאטשנער וואהל־קרייז

ביי דער

## יודישער קהלה

אין ראדאם.

1

23—09

## 1 שטימט נור פאר דער ליסטע 1

# בעריכט פון דער בוסק-אַקציע

## דורכגעפיהרט דורך דער הילפ'ס-געזעלשאַפט „עזרה" איז ראַדאָם

### אין נאָוועמבער 1930

**איינקונפט**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| געזאַמלט ספּעציעלע שפּענדונגען לטובת דער בוסק אַקציע, צוזאַמען מיט טיילווייזע צוזאַגונגען פאַר דער געניסען פון דער קוראַציע | 6.329 | 25 | | |
| פון א צייכען-פערקויף אין 20.VIII ה. י. לטובת דעם צוועק | 223 | 11 | 6.552 | 36 |
| גערעקט פון אייגענע פאָנדען | | | 1.698 | 52 |
| | | | 8,250 | 88 |

**אויסגאַבע**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פאַר וואוינונגען, עלעקטרישע בעלויכטונג און בעדינונג (26 שטובען) | 914 | 50 | | |
| איבערפיהרען די קראנקע קיין בוסק און צוריק ווי אויך באַגאַזש | 1.206 | 30 | | |
| קוראַציע: בעדער, סעזאָן-קאַרטען, דאָקטאָר אין מעדיקאַמענטען | 2.533 | 50 | | |
| עסען: פולשטענדיגע אויסהאַלטונג | 3.507 | 28 | | |
| **אונדירעקטע הוצאות** | | | | |
| רייזע-שפּעזען ביים פאָהרען, דינגען דירות קליינע אויסגאַבען אין בוסק | 89 | 30 | 8 250 | 88 |
| | | | 8.250 | 88 |

פון דער בוסק-אַקציע האָבען גענאָסען 60 פערזאָן; צוויי מיטפאָהרענדע און איין אויפזעהער. די קראנקע האָבען בעקומען א פולשטענדיגע קוראַציע ווי אויך אויסהאַלטונג פון ראַדאָם אויס ביז'ן צוריקקומען ווי צ. ב. דאָס איבערשיקען די קראנקע, באַגאַזש, וואוינונג, בעדינונג, בעלויכטונג, צופאָהרען אין באַד-אנשטאַלט, די שווער-קראנקע צופיהרען אויף האַנד-וועגעלעך, עפען א.ד.ג.

**אויף דעם צוועק געזאַמעלט דורכ'ן פרעזעס ה' אדלער א'תמר און פערוו. מיטגליד ה' פרענקעל לייזער ביי די אונטען אויסגערעכענטע פערזאָנען לויט א"ב**

ה"ה: אדלער א'תמר (פרעזעס), אשכנזי ח., אורבינדער ד.

ה"ה: בוכמאַן י., בירענבוים חיים, בראַווער ח., ברעסלער אברהם, בערקאָוויטש ל., בערנימאַן י. (לוב. 11), בלאַטמאַן ד. (דלוגא) בלאַטמאַן ד. (סקאַריש. 24).

ה"ה: גאָלדבערג אברהם ז"ל, גאָלדבערג אהרן, גאָלדבערג זעליג, גינצבורג ג., גליקשטיין ר., גרין יצחק, „גאָטליב א. און זיהן", „ברידער גוטמאַן און צוקער", גאָטפריד אברהם, גארפינקעל איתמר, גאָלדשטיין ירמי', „ברידער גאָלדפאַרב" (לוב. 2).

ה"ה: פירמע „דיאַמענט-ראָזענבערג", דיאַמענט י. (פל. יאַגעל. 5).

ה"ה: פירמע „האָראָוויטש-קאַרמאַן און פרידלאַנדער", האָפּענהיים מ., האָפּמאַן פישל, האמערשטיין משה, הימעלפארב ה. ל., הענדעל י. ש., הענדעל שלמה, האָראָוויטש מ. י., הערשענהאָרן ה., האָכבוים פ., „האכבערג-לאָפּטמאַן", הירשבערג משה.

ה"ה: ווייצהענדלער יצחק, ווערבער י. מ., ווערטהייזער ש., ווייספוס אברהם, וויינטרויב הענעך, וואָלמאַן דוד.

ה"ה: זיידענשניר ה., זיגמאַן ג., פרוי זיגמאַן (לוב. 5), זילבערבערג י. ר., זיידמאַן מיכל.

ה"ה: טייטעלבוים י. ד., פרוי טייטעלבוים חנה, טענענבוים י, (לוב. 30), טייכמאַן מענדעל, ה' כמיעלאָרזש שלמה.

ה"ה: פירמע „לעשטש-טייכמאַן", לעווין אהרן יוסף, „לעסלויער י. מ. און זיהן", לעווי ד"ר, לאַנדוי פאַביאַן, „לאַנדוי-נאַבריפּקי", לעדערהענדלער גרשון, ליכטענשטיין פ., ליטוואַק יחיאל.

ה"ה: מערין אהרן, מינצבערג שלמה, מייער אדח., מילשטיין נחמי, מרגליות יצחק, מענטליק א., מאַנדעלזיס לייב.

ה"ה: נירענבערג מ. י., נאָרדווינד מ.

ה"ה: „ספּולדזשעלניא-קרעדיטאָוואַ" (פל. דזיעטער מאַי 2), פּענאַטאָר י.

ה': פרזשעדנאָוועק נח. ה"ה: פערסטער מ., פוקס א., פישמאַן אברהם, פישמאַן מ. ל., פישמאַן י. (רינעק 7), פרענקעל ל., פרידמאַן אהרן (זשיטניא) פרידמאַן פ. (קילינסקי 9). פרידמאַן יוסל (לוב. 9). צוקער פ. (וואָהל 13), צוקער מ. (לוב. 4). צמח מאָטל, צימערמאַן הענעך, „צוקראָספּזשעדאַזש".

ה"ה: „קאָרמאַן אברהם און זיהן", קאָפּער דוד, דורך הרב קעסטענבערג יחיאל (פון א דין תורה), „ברידער קורץ", קירשענבוים יונה, קלאָהרפעלד מ., קאָרמאַן שמעריל, קאָרמאַן מ. (לוב. 7), קאַנער אלי'.

ה"ה: רובינשטיין משה ז"ל, ראָטענבערג אברהם, ראָטענבערג יעקל, ריכטמאַן מיכל, ריכטמאַן קלמן, „ברידער ריכטמאַן" (פל. יאַגעל. 1), ברידער ריכטמאַן (וואַרש. 9), ראָזענבערג ירמי, ראָזענבערג נח, ראָזענבערג יצחק מאיר, ראָטבלאַט אייזיק, רובינליכט לייב, ראַיאַל י. מ., ריישער ש., ראָזענצווייג ישעי' (סקאַריש. 41).

ה"ה: שענדעראַוויטש ד"ר, שטיינמאַן יהושיע, שאַפּיר יעקל.

די פערוואַלטונג דריקט אויס איהר טיעפסטען דאַנק די ה"ה דאָקטוירים, וועלכע האָבען אָהן שום מאַטעריעלען נוצען קוואַליפיצירט די קראנקע, וועלכע נויטיגען זיך אין קוראַציע, ווי אויך די אויבענדערמאָנטע שפּענדער'ס פאַר דער ערמעגליכונג פון אדורכפיהרען אזא וויכטיגע הילפ'ס-אַקציע.

בעמערקונג קוויטירונגען אויף די דערהאַלטענע נדבות אין געוואָרען אָבגעשיקט באַלד נאָכ'ן איינפליסען דאָס געלד אין סעקרעטאַריאַט.

**הילפ'ס-געזעלשאַפט „עזרה"**
**אין ראַדאָם.**

פרעזעס (—) איתמר אדלער

סעקרעטאַר (—) ד"ר שענדעראַוויטש.

— די — שענסטע **טאַפּעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע
**ש. שטיינמאַן**
ראַדאָם, לובלינער 21.

*Kino dźwiękowe „ŚWIT“*
Dziś i dn. następnych
**BIAŁE CIENIE**
— w rolach głównych: —
Raouel Torres oraz Monte Bleu.

# פון פעראייניגטען יודישען וואהל - קאמיטעט
## ביי דער יודישער קהלה אין ראדאם ליסטע 1.

(קאמוניקאט.)

פאריגען שבת איז הרב קעסטענבערג אין בעגלייטונג פון גמינע-פרעזעס ה' ל. פרידמאן און דאזארעס גארפינקעל, וויינאכט א. א. געפאהרען אויף א רעפעראט קיין ביאלאבזשעג. אלע פענסטער זענען געווען אילומינירט מיט ליכט. דער רעפעראט איז פארגעקומען אין בית מדרש און געעפענט געווארען דורכ'ן דארטיגען רב. הרב קעסטענבערג האט גערעדט בערך צוויי שעה, נישט קריטיקירענדיג קיין שום פארטיי, נאר ארויסגעהענדיג פונ'ם שטאנדפונקט, אז קיין אייגענער יודישער מאנדאט קאן נישט דורכגעפיהרט ווערען, און דעריבער דארפען אלע יודען אנגעבען די שטימען פאר דער אונפארטייאישע ליסטע, וואו עס שטעהט אין דער שפיץ מארשאל פילסודסקי. אין דעם זין ווערט אנגענומען א רעזאלוציע. די גרויסע פערזאמלונג האט ארויסגעשיקט בעגריסונגס-טעלעגראמעס צום מארשאלעק פילסודסקי.

• • •

זונטאג איז געקומען צו הרב קעסטענבערג א דעלעגאציע פון וויעזשבניקער אגודה און איהם מיטגעטיילט, אז דארט איז צוריקגעצויגען געווארען די ליסטע נומ. 18. דעריבער אין תסכם פון דארטיגען אונפארטייאישען בלאק ליידען זי איהם איין אויף א רעפעראט. הרב קעסטענבערג איז געפאהרען מיט א ספעציעלען אויטא קיין וויעזשבניק, וואו כמעט דאס גאנצע גאנצע שטעטעל מיט'ן סטאראסטא בראש האבען איהם בעגריסט ביים אריינקומען אין שטאט. אין דעם איבערפולטען בית מדרש, וואו ס'איז אויך אנוועזענד געווען דער ראטגעבער סטאראסטא און העברעע בעאמטע מיט'ן רב און אלע דאזארעס, האט הרב קעסטענבערג געהאלטען א לענגערען רעפעראט. ס'איז אנגענומען געווארען אן'איינשטימיגע רעזאלוציע צו שטימען פאר די ליסטע 1. ס'זענען אוועקגעשיקט געווארען בעגריסונג'ס-טעלעגראמעס צום מארשאלעק פילסודסקי און צום קעלצער וואיעוואדא.

• • •

היינטיגען מיטוואך איז הרב קעסטענבערג אויפגעטרעטען אין טעאטער ראזמאיטאשצי אין ראדאם מיט א רעפעראט. דער זאהל איז געווען איבערגעפאקט. אין פרעזידיום פערנעמען ערטער אנגעזעהענע בירגער פון שטאדט, אויך דער רעיענט ראגוסקי.

די פערזאמלונג עפענט אין פוילישען דער וויצע-פרעזעס פון דער ראדאמער קהלה-פערוואלטונג ה' בנימין האכמאן און ערטיילט דאס ווארט הרב קעסטענבערג, וועלכער שטעלט זיך אן אויף די היסטארישע מאמענטען פון דער יודישער איינוואנדערונג קיין פוילען. ער ענטוויקעלט אויספיהרליך דעם גאנצען יודישען פראבלעם אין פוילען און קומט צום אויספיהר, אז די היינטיגע רעגירונג פון מארשאלעק פילסודסקי איז די בעסטע פון אלע רעגירונגען ביז אהער. ס'ווערט אנגענומען איינשטימיגע רעזאלוציעס צו שטימען פאר נומ. 1 און מ'ווערט אוועקגעשיקט בעגריסונג'ס-טעלעגראמעס צום מלוכה-פרעזידענט און צום מארשאלעק פילסודסקי.

נאכ'ן דאנקען פון ה' האכמאן דעם רב קעסטענבערג פאר זיין אינטערעסאנטען רעפעראט, ווערט דער מאסען-מיטינג געשלאסען.

## וואהל-מיטינגען פון ליסטע 18

פאריגען שבת און זונטאג זענען פארגעקומען אין האנדווערקער-קלוב וואהל-מיטינגען פון דער ליסטע 18. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען די ה"ה קאליאר, מאגנישעווסקי, ראטבלאט, בערקאוויטש, ראזענבוים, אייזעלבוים און די אגודה-פארשטעהער די ה"ה האראוויץ און פרידמאן.

די האנדווערקער-פארשטעהער קריטיקירען שארף דעם ה' י. גרינבוים און דריקען אויס זייער פארביטערונג וואס ה' גרינבוים האט מיט זיין פאליטיק ציגעפיהרט, אז די גרויסע האנדווערקער-מאסען זאלען אפיעשטעפט ווערען אויף 50 יאהר צוריק. די האנדלונג פון ה' גרינבוים איצט ווארפען די האנדווערקער וועלכען קאנדידאט זיי זאלען ארויסשטעלען אין לויט זייער מיינונג א שרייענדער און אונצוהערטער אקט. עס ווערען אנגענומען פראטעסט-רעזאלוציעס געגען דער צר ד פאליטיק פון ה' גרינבוים, וואס פאראורזאכט, אז יודען זאלען כמעט נישט זיין פארטרעטען אין סיים, וייל ביי א פעראייניגונג פון אלע יודען וואלט געווען א גרעסערע יודישע רעפרעזענטאנץ אין פוילישען פארלאמענט. די פערזאמלונגען בעשליסען צו שטימען פאר די ליסטע נומ. 18.


## בוי און וואהנונג'ס-ספולדזיעלניא
## „KOOPDOM"

די פערוואלטונג פון דער ספולדזיעלניא מאכט בעקאנט, אז דעם 19-טען ה. ח. 6 אווענד וועט אין לאקאל אויף פילסודסקי גאס 14 (די פערוואלטונגס-ביורא פון די ראדאמער ציגעלניעס) פארקומען

דאס **קאמפלעטירטע** בעלנים פאר די בעזונדערע פראיעקטירטע הייזער, אנהויבענדיג פון 2 שטובען און העכער.

אויף דער פערזאמלונג פערבעט די ספולדזיעלניא אזוי איהרע מיטגלידער און צוגלייך רעפלעקטאנטען.


צוזאמען מיט די עלטערן טרויערן מיר צוליבן פריצייטיקן טויט פון אונזער נישט פארגעסענע

## רעגינע פינקעלשטיין

וועלכע איז פון אונז אוועקגעריסן געווארן אין די בליענדע יארן
זאל די ערד איר גרינג זיין.

**זכריה ראזנבלאט**

האיאנז (פראנקרייך). **שיינדל** און **שאול רובין**.

## פאהרט-געזונד קיין ארץ-ישראל

א גליקליכע רייזע און פאהרט-געזונד ווינשען מיר אונזער בעסטען גוטען פריינד **משה'לע בערענשטיין** מיט זיין פרוי צו זייער אבדייזען קיין ארץ ישראל.

**דוד בער מאנדעפניק עט פאמיליע.**






## אלגעמיינע יערליכע פערזאמלונג
### אין טוהרת-הבית אין, זשערעמסקי 18.

דעם 30 ד. ח. 1930 4 אין 1 טען טערמין, אדער 6 אזייגער דעם 2-טען טערמין קומט פאר אין טוהרים-פעראיין

## א אלגעמיינע יערליכע פערזאמלונג

—— פאר די מיטגלידער ——

אויפ'ן טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וועהלען א פארזיצענדען פאר דער פערזאמלונג, 3) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער לעצטע יעהרליכע פערזאמלונג, 4) בעריכט פון דער פערוואלטונג, 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט, 6) וועהלען מיטגלידער אין דער פערוואלטונג, 7) וועהלען מיטגלידער אין אויפזיכטס-ראט, 8) וועהלען מיטגלידער אין דעם שידס-געריכט, 9) וועהלען מיטגליד דער אין דער רעוויזיאנס קאמיסיע, 10) לאקאל-פראגע, 11) פרייע אנטראגען.